Publié par la Maison de la culture yiddish - Bibliothèque Medem, avec le concours de la Délégation Générale à la Langue Française & de la Fondation pour la Mémoire de la Shoah

דער ייִדישער
# טעם־טעם
אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פּובליקאַציע
פֿון דעם פּאַריזער
ייִדיש־צענטער –
מעדעם־ביבליאָטעק

יאָר 16, נומער 4 (79)
סיוון תשע״א/מײַ 2011

# ליבע, ווערטער און ווערטערביכער

צי האָט איר באַמערקט ווי גרינג אַ גוטער געדאַנק קען זיך פֿאַרוואַנדלען אין אַ מאַניע[1] ? הײַנט צו טאָג איז פֿאַראַן אין פֿראַנקרײַך אַ מאָדע : די מאָדע פֿון טעמאַטישע ווערטערביכער. זי האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ פּאָר בענד[2] אַרויסגעגעבן פֿונעם פֿאַרלאַג „פּלאָן“[3] : די „פֿאַרליבטע“ ווערטערביכער[4]. דער פֿאַרלאַג האָט געבעטן בײַ פֿאַרשיידענע מחברים[5] זיי זאָלן שרײַבן אַ מין אַלף־בית[6] וועגן אַן ענין[7] וואָס זיי האָבן ליב : אַ לאַנד, ווײַן, קעץ, אַ רעליגיע, א״אַ[8]... צו ערשט האָבן געשריבן מענטשן וואָס האָבן באמת[9] געהאַט אַ סך קענטענישן און האָבן געוואָלט זיך טיילן מיט זייערע אינטערעסן מיט אַ ברייטערן עולם[10]. די מחברים קלײַבן אויס אַן ערך[11] 200 ווערטער, אַ מאָל מער, אַ מאָל ווייניקער, וואָס זייער האַרץ גלוסט[12]. זייער שיין. נאָר די צרה[13] איז אַז אָט דער געדאַנק האָט זיך פֿאַרשפּרייט ווי אַ מגפֿה[14] און אַז די ווערטערביכער האָבן אַ טענדענץ צו זײַן די פּרוכט פֿון אַ קרומער ליבע[15] צווישן אַ פֿאַרלאַג וואָס זוכט מיט ליכט[16] אַ שלאַגער[17], און אַ שרײַבער וואָס זוכט מיט ליכט דעם כּוח[18] אָנצושרײַבן אַ גאַנץ בוך וועגן אַן ענין ; בקיצור[19], אײַך ווילט זיך שרײַבן, נאָר איר האָט נישט קיין ברייטע וויזיע פֿון אײַער טעמע, איר קענט נישט אַנטוויקלען[20] אַ געדאַנק דורך מער ווי איין קאַפּיטל : טאָ שרײַבט אַ ווערטערבוך, אָדער בעסער, אַ „פֿאַרליבט“ ווערטערבוך ! און ווי באַלד ליבע איז בלינד וועט אײַך קיינער נישט פֿאָרוואַרפֿן[21] אַז עפּעס פֿעלט אָדער טויג נישט !

שטעלט זיך אָבער אַ פֿראַגע : צי זענען נישט אַלע ווערטערביכער „פֿאַרליבט“ ? צי זענען דען, צום בײַשפּיל די מחברים פֿונעם ייִדיש־פֿראַנצייזיש *ווערטערבוך*, וואָס האָבן צונויפֿגעקליבן 37000 ווערטער, אמתע[22] מאַזאָכיסטן וואָס האָבן נישט ליב די ייִדישע שפּראַך ? וואָס טוט מען אָבער מיט אַ חורבן[23]־ווערטערבוך ? צי קען מען זײַן פֿאַרליבט אין אַזאַ ענין ווי יאַגד[24] ? וואָס איז ליבע ? וואָס איז אַ ווערטערבוך ? געוואַלד, מיר פֿילן זיך פּלוצלינג אין גאַנצן צעמישט ! ווו איז דאָס ווערטערבוך וואָס וועט אונדז געבן אַן ענטפֿער ? צי דאַרפֿן מיר גלייבן דעם פֿראַנצייזישן שרײַבער פּאָל לעאָטאָ[25] ווען ער זאָגט : „די איינציקע אמונה[26] וואָס בלײַבט מיר – אויב עס בלײַבט טאַקע – איז די אמונה אין ווערטערביכער“ ? צי דאַרפֿן מיר זיך נעמען אָנשרײַבן אַ ווערטערבוך „פֿאַרליבט אין ייִדיש“ וואָס וועט אַנטהאַלטן אונדזערע ליבסטע ווערטער, פֿון „אַבי געזונט“ ביז „תּכלית“[27] ( אַרײַנגענומען „משוגע“[28] און „געפֿילטע פֿיש“) ?



## דאָס נײַע ווערטערבוך איז אָנגעקומען



אַ גוטע בשׂורה[1] פֿאַר אַלע וואָס האָבן געוואַרט אַזוי אומגעדולדיק. די צווייטע אויפֿלאַגע[2] פֿונעם *ייִדיש־פֿראַנצייזישן ווערטערבוך* פֿון יצחק[3] ניבאָרסקי און בערל ווײַסבראָט, וואָס איז שוין לאַנג געווען אויספֿאַרקויפֿט, איז נאָר וואָס אַרויס (מיט אַ ריי קליינע אויסבעסערונגען). איר קענט עס קויפֿן אינעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק אָדער באַשטעלן אויפֿן אַדרעס bikher@yiddishweb.com

1. PSURE nouvelle/news 2. édition 3. YITSKHOK.

1. manie/mania 2. volumes, *sing.* באַנד 3. éditions Plon 4. Dictionnaires amoureux/"Lovers" dictionaries (a series pub-lished recently by Plon) 5. MEKHABRIM auteurs/authors 6. ... ALEF-BEYS sorte d'abécédaire/a kind of alphabet 7. INYEN sujet/subject 8. און אַנדערע 9. BEEMES vraiment/really 10. OYLEM public 11. ... EREKH environ/about 12. à leur guise/all their heart desires 13. TSORE problème/problem 14. MAGEYFE épidémie/epidemic 15. mésalliance/mismatch 16. recherche désespérément/desperately seeking 17. bestseller 18. KOYEKH force, courage/strength 19. BEKITSER bref/in short 20. développer/develop 21. reprocher/reproach 22. E'MESE véritables/real 23. KHURBM Shoah 24. la chasse/hunting 25. Paul Léautaud 26. EMUNE foi/faith 27. TAKHLES but pratique/practical purpose 28. MESHUGE fou/crazy.

# אַ פּאָר דערמאָנונגען

צי געדענקט איר ווי מע האָט בײַ אײַך געפּראַוועט[1] יום־טובֿים[2] ? אַ פּאָר תּלמידים פֿון ייִדיש־קורסן אינעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער טיילן זיך מיט אונדז מיט זייערע דערמאָנונגען.




**בילדער פֿון אילעקס בעלער. לינקס : „פּסח“. אונטן : פֿראַגמענט פֿון „שבת“.**

## פּסח אין דער היים

מײַנע עלטערן זענען ניט געווען זייער פֿרום[3] אָבער יעדעס יאָר האָבן מיר געפֿײַערט[4] צוויי גרויסע יום־טובֿים : פּסח[5] און יום־כּיפּור[6]. איך דערמאָן זיך פּסח. מײַן מאַמע האָט אָנגעהויבן ערבֿ[7] יום־טובֿ צו פּוצן די גאַנצע שטוב כּדי[8] עס זאָל חלילה[9] ניט בלײַבן קיין קרישקעלע[10] ברויט אין דער היים. נאָכער[11] האָט זי אָנגעהויבן צוצוגרייטן די סעודה[12] פֿאַר דעם סדר[13]. עס האָט געדויערט דעם גאַנצן טאָג. מען האָט געבראָקט[14], געקנעטן[15], געהאַקט, געפּרעגלט[16], געקאָכט... דעם שענסטן טישטעך[17] אַרויסגענומען פֿון שאַנק. איך האָב זיך געפּאָרעט[18] מיט דער מאַמע, אָבער ניט געטאָרט אַרײַנגיין אין קיך. און שוין איז געקומען די שעה[19] ווען מע האָט זיך געזעצט צום „שולחן ערוך[20]“ – געגרייטן טיש.

די גאַנצע משפּחה[21] האָט זיך פֿאַרזאַמלט און עס איז געווען אַ פֿריילעכער תּוהו־ובֿוהו[22]. די ליכט זענען געווען אָנגעצונדן און די מאכלים[23] זענען געשטאַנען אויפֿן טיש און אָט האָט זיך אָנגעהויבן די ערנסטע זאַך : דער סדר. אַזוי ווי איך בין געווען די ייִנגסטע פֿון דרײַ מיידלעך האָב איך געמוזט פֿרעגן די פֿיר קשיות[24]. איך האָב פֿיל מאָל אַ טעות[25] געמאַכט בײַם לייענען און אַלע האָבן מיך אויסגעלאַכט. מען האָט אָנגעגאָסן אַ גלאָז ווײַן פֿאַר אליהו־הנבֿיא[26] און איך האָב זייער מורא געהאַט[27] ער זאָל אין שטוב אַרײַנקומען. דער סדר האָט געדויערט זייער לאַנג מחמת[28] דער טאַטע האָט געלייענט די גאַנצע הגדה[29]. צום סוף בין איך געווען זייער הונגעריק און דער עיקר[30] זייער שלעפֿעריק.

*איוועט*

## פּסח אויף ייִדיש

איך קען גאָרנישט דערציילן וועגן ייִדישע יום־טובֿים ווײַל בײַ אונדז אין דער היים האָבן מיר קיין מאָל ניט געפֿײַערט קיין יום־טובֿים. מײַן מאַמע איז ניט געווען פֿרום. זי האָט געזאָגט אַז מע קען בכל־אופֿן[31] ניט פֿײַערן די יום־טובֿים ווײַל ס'איז נישטאָ אין דער היים קיין מאַן. ווען איך האָב אָנגעהויבן זיך צו לערנען ייִדיש האָב איך אויסגעפֿונען זייער באַטײַט און נוסח[32].

אָבער איך דערמאָן זיך אַז אַ מאָל האָט זיך די גאַנצע משפּחה צונויפֿגעטראָפֿן אויף פּסח. ס'איז געווען נאָר צו עסן צוזאַמען און נאָכפֿרעגן זיך אויף די מומעס[33], פֿעטערס[34], קוזינען און קוזינקעס... ס'איז געווען פֿאַר מיר אַ געלעגנהייט[35] צו הערן ייִדיש, ווײַל בײַ אונדז אין דער היים האָט מײַן מאַמע גערעדט אויף פֿראַנצייזיש.

*זשאַקלין*






1. célébré/celebrated 2. yomtoyvim fêtes/holidays, *sing*. יום־טובֿ yontev 3. pratiquants/religious 4. célébré/celebrated 5. peysekh Pâque juive/Passover 6. yom kiper Yom Kippour/Yom Kippur 7. erev la veille/eve 8. kede'y afin de/in order to 9. kholile Dieu préserve/God forbid! 10. miette/crumb 11. נאָך דעם, דערנאָך 12. sude festin/feast 13. seyder Seder 14. découpé/minced 15. pétri/kneaded 16. frit/fried 17. nappe/tablecloth 18. m'affairais/busied myself 19. sho heure/hour 20. shulkhn-orekh *littéralt*. la table dressée/*lit*. the set table 21. mishpokhe famille/family 22. toyevoye tohu-bohu/chaos 23. maykholim plats/dishes 24. ... kashes les quatre questions posées pendant le seder/four questions posed during the Seder 25. toes erreur/mistake 26. eliohu-hanovi le Prophète Elie/Elijah the prophet 27. ... moyre j'avais peur/I was afraid 28. makhmes puisque/because 29. hagode Hagada 30. ... iker surtout/mostly 31. bekhol-oyfn de toute façon/anyway 32. nusekh style 33. tantes/aunts 34. oncles/uncles 35. occasion/opportunity






## מאָדערנע יום־טובֿים

טראַכטנדיק וועגן מײַנע קינדער־יאָרן קען איך קיין יום־טובֿ, קיין שׂימחה[36] נישט געדענקען אין דער היים. באמת[37], קיין יום־טובֿ האָבן מיר נישט געפּראַוועט. ניטל[38] אַוודאי[39] נישט, אויך נישט די אַנדערע קריסטלעכע יום־טובֿים.

מכּוח[40] חנוכּה[41], פּורים, סוכּות[42], פּסח און די אַנדערע, האָב איך
גאָרנישט געוווּסט, וואָס אַ
סדר איז, וואָס שבת־ליכט[43]
זײַנען, אַלץ איז געווען אין
גאַנצן פֿרעמד פֿאַר מיר.
שפּעטער האָב איך פֿאַרשטאַנען
אַז די רציחה[44] מיט וועלכער די
מאַמע האָט פֿריִער יונגערהייט אין
וואַרשע אַוועקגעוואָרפֿן כּמעט[45]
אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שײַכות[46] צו
ייִדישקייט, איז געווען אַזוי שטאַרק,
מאַכטיק ווי דער בלינדער אַרײַנצי[47]
אירער אין קאָמוניזם. איר איבערצײַגונג,
איר גלויבן אין אַ בעסערער וועלט.
דערפֿאַר אָבער האָבן מיר געפּײַערט
די וויכטיקסטע היסטאָרישע דאַטעס.
פֿון יענער לאַנג־פֿאַרגאַנגענער צײַט האָב
איך אַ סך זכרונות[48] : די דעמאָנסטראַציעס,
די פֿאַרזאַמלונגען, די זיצונגען וואָס
איך פֿלעג אין זיי אָנטייל נעמען כּדי




אָפּצומערקן[49]
דעם אָנדענק פֿון
פֿאַרשיידענע חשובֿע[50] מענטשן און געשעענישן.
למשל[51] : דער אויפֿשטאַנד פֿון וואַרשעווער געטאָ, דער ערשטער מײַ,
די סאָוועטישע רעוואָלוציע, די פּאַריזער קאָמונע... אַ מאָל איז עס
געווען רירנדיק[52], טרויעריק, אַ מאָל גאָר פֿריילעך.
זייער אַ לאַנג־פֿאַרגאַנגענע צײַט, כ׳לעבן[53] !
איך דערמאָן זיך אין צוויי באַזונדערע אָוונטן אין די פֿופֿציקער
יאָרן וואָס זײַנען אַזוי לעבעדיק געבליבן אין מײַן זכּרון[54] ווי אמתע[55],
גליקלעכע, מחיהדיקע[56] יום־טובֿים. איינער – ווען דער כאָר[57] פֿון דער
רויטער אַרמיי איז געקומען פֿונעם ראַטן־פֿאַרבאַנד[58] אויף עטלעכע
פֿאָרשטעלונגען. דער אַנדערער
– ווען אַ פֿאָלקסטענץ־גרופּע
איז געקומען פֿון פּוילן,
„מאַזאָוושע“[59] האָט זי געהייסן,
דאַכט זיך... ביידע זײַנען געווען
אין מײַנע קינדערישע אויגן און
אויערן אויסערגעוויינטלעך !
און די מאַמע האָט
דעמאָלט אָפּגעזיפֿצט[60]
: „נו, זיכער ! ס׳איז
אַזוי שיין ווײַל זיי
זײַנען געקומען פֿון
גן־עדן[61] !“
אַני













3

36. SIMKHE fête/celebration 37. BEEMES effectivement/really 38. Noël/Christmas 39. AVADE bien sûr/ of course 40. MIKOYEKH en ce qui concerne/concerning 41. KHANIKE Hanouca/Chanuka 42. SUKES Soucoth/Sukkot 43. SHABES-... bougies de Shabbat/Sabbath candles 44. RETSIKHE fureur/fury 45. KIMA'T presque/nearly 46. SHAYKHES rapport/relation 47. engagement aveugle/blind commitment 48. ZIKHROYNES souvenirs/memories 49. marquer/commemorate 50. KHO'SHEVE importants/important 51. LEMOSHL par exemple/for example 52. émouvant/moving 53. ma parole !/my word! 54. ZIKORN mémoire/memory 55. E'MESE véritables/real 56. MEKHA'YEDIKE délicieux/wonderful 57. chorale/chorus 58. URSS/USSR 59. Mazowsze 60. poussé un soupir/sighed 61. GAN-EYDN paradis/paradise.

# זכּרון[1]

אַ קאָמפּיוטער האָט אַ גרויסן **זכּרון**, וואָס אַ מענטש קען אים שטאַרק מקנא זײַן[2]. און ווען עס פֿעלט אים אַ מאָל אַ ביסל זכּרון גייט מען אין אַ קראָם, מע קויפֿט נאָך אַ שטיקל און מע שטעלט עס אים גלײַך אין מוח[3] אַרײַן. הלוואַי[4] וואָלטן מיר אויך געקענט טאָן אַזוי ! אַ שטאַרקער זכּרון קען הייסן אַן **אײַזערנער זכּרון** (אָדער אַן **אײַזערנער מוח**) און אַ מענטש מיט אַזאַ זכּרון איז אַ **בעל־זכּרון**[5].

דאָס וואָרט **זכּרון** קומט פֿונעם שורש[6] **ז כ ר** וואָס מיינט טאַקע געדענקען. אָט דער שורש גיט אונדז אין ייִדיש אַ סך באַקאַנטע ווערטער : צו ערשט, דער **זכר**[7], וואָס איז אַ שפּור, אַן אָנדענק. דער פּלוראַל פֿון זכּרון איז **זכרונות**[8], וואָס מיינט מעמואַרן. באַרימטע מענטשן שרײַבן זייערע זכרונות, אַ מאָל מער ווי די וועלט דאַרף וויסן !

**זכרונו לבֿרכה**[9] מיינט „זאָל זײַן אָנדענק זײַן געבענטשט". דאָס זאָגט מען ווען מע דערמאָנט אַ נאָענטן מענטש וואָס איז געשטאָרבן : „מײַן זיידע, זכרונו לבֿרכה, האָט געוווינט אין קראָקע". אָפֿט מאָל זעט מען דאָס געשריבן אין פֿאָרעם פֿון איניציאַלן **ז״ל**[10] נאָך דעם נאָמען פֿונעם טויטן.

אַן אַנדער וואָרט פֿון דעם שורש איז **יזכּור**[11]. „יזכּור" – „זאָל ער [דאָס מיינט : גאָט] געדענקען" – איז דאָס ערשטע וואָרט פֿון אַ תּפֿילה[12] נאָך געשטאָרבענע וואָס מע זאָגט אין שול געוויסע יום־טובֿים[13]. נאָך דעם חורבן[14] האָבט ייִדישע לאַנדסמאַנשאַפֿטן[15] אויף דער גאַנצער וועלט אַרויסגעגעבן הונדערטער **יזכּור־ביכער**[16] אין אָנדענק[17] פֿון זייערע שטעט און שטעטלעך אין מיזרח[18]־אייראָפּע און אַנדערשוווּ.

ס'איז אויך פֿאַראַן ווערטער אויף דעם זעלביקן געביט, וואָס שטאַמען ניט פֿון לשון־קודש[19] : די ווערבן **געדענקען**, **דערמאָנען** (אָדער **דערמאַנען**) און **דערמאָנען זיך**. **געדענקען** מיינט האַלטן עפּעס אין זכּרון : „דאָס וועל איך געדענקען מײַן גאַנץ לעבן". **דערמאָנען** איז ברענגען עפּעס אין געדאַנק פֿון אַן אַנדערן : „דערמאָן מיר אָנצוקלינגען צו מײַן מאַמען", „דאָס דערמאָנט מיר אין אַ מעשׂה[20]", אָדער עס קען מיינען בלויז ציטירן אָדער רעדן וועגן : „אין זײַן אַרטיקל האָט ער דערמאָנט[21] שעקספּירן". ווען מע גיט צו דאָס וואָרט „זיך" ווערט עס אַ ביסל אַנדערש : **איך דערמאָן זיך** מיינט איך געדענק עפּעס איצט, עפּעס איז מיר איצט געקומען אויפֿן געדאַנק. פֿון די צוויי ווערבן קומען סובסטאַנטיוון : **די דערמאָנונג** („דאָס איז אַ שיינע דערמאָנונג") און **דער אָנדענק** („דער 14טער יולי איז אַ יום־טובֿ אין אָנדענק פֿון דער פֿראַנצייזישער רעוואָלוציע").

אויב מע וויל פֿאַראייביקן דעם אָנדענק פֿון אַ מענטש צי אַ געשעעניש שטעלט מען אַ **דענקמאָל**, וואָס מיינט אַ מאָנומענט.

אַ פּאַסירונג וואָס מע קען ניט פֿאַרגעסן איז **אומפֿאַרגעסלעך**, אָדער **אײַנגעקריצט אין זכּרון**.

ווען מע לערנט זיך עפּעס אויס **אויף אויסנווייניק**[22] מיינט עס אַז מע וועט עס קענען איבערחזרן[23] וואָרט בײַ וואָרט.

און אַ קליינע זאַך וואָס טויג צו גאָרנישט און וואָס מע קויפֿט אויף וואַקאַציעס כּלומרשט[24] צו געדענקען דאָס אָרט ווו מען איז געווען – פֿאַר דעם האָט ייִדיש, ווי אַ סך אַנדערע שפּראַכן, אָנגענומען דאָס פֿראַנצייזישע וואָרט, **סווועניר**.

**שפּריכווערטער**[25] :

אַ ליגנער דאַרף האָבן אַ גוטן זכּרון.

אַ נאַרישקייט געדענקט זיך.

דאָס גוטע געדענקט זיך לאַנג, דאָס שלעכטע נאָך לענגער.

**אַ רעטעניש**[26] :

פֿאַר וואָס פֿאַרמאַכט דער האָן[27] די אויגן ווען ער קרייט[28] ?

זאָל די וועלט וויסן אַז ער קען עס אויף אויסנווייניק.





1. ZIKORN mémoire/memory 2. MEKANE … lui envier/be envious 3. MOYEKh cerveau/brain 4. HALEVA'Y si seulement/if only 5. BAL-ZIKORN homme doué d'une bonne mémoire/person with a good memory 6. ShOYRESh racine/root 7. ZEYKhER trace 8. ZIKhROYNES mémoires/memoirs 9. ZIKhROYNE LEVROKhE bénie soit sa mémoire/may his memory be blessed 10. *prononcé/pronounced* ZAL 11. YIZKER prière commémorative/commemorative prayer 12. TFILE prière/prayer 13. YOM-TOYVIM fêtes/holidays 14. KhURBN Shoah 15. sociétés d'originaires d'une même contrée/compatriot societies 16. livres du souvenir/memorial books 17. en souvenir de/in memory of 18. MIZREKh de l'est/Eastern 19. LOShN-KOYDESh hébreu/Hebrew 20. MAYSE histoire/story 21. mentionné/mentioned 22. par coeur/by heart 23. I'BERKhAZERN répéter/repeat 24. KLOYMERShT soi-disant/supposedly 25. proverbes/proverbs 26. devinette/riddle 27. coq/rooster 28. chante/crows.

# איך און דער קאָמפּיוטער

## פֿון ראָזשע גוזשעלמאַן




איידער איך בין אַרויס אויף פּענסיע[1] האָב איך געהאַט אין ביוראָ אַ מין[2] קאָמפּיוטער וואָס הייסט „מיניטעל“[3]. דער דאָזיקער אַפּאַראַט האָט געאַרבעט זייער פּאַמעלעך און דערצו נאָך איז ער אָפֿט קאַליע געוואָרן[4] און אַלץ וואָס איך האָב אָפּגעקלאַפּט[5] איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן ! האָב איך געדאַרפֿט אָפּקלאַפּן נאָך אַ מאָל !
ווען איך בין געוואָרן אַ פּענסיאָנער[6] האָב איך זיך געטראַכט אַז אָט דעם אַפּאַראַט דאַרף איך שוין אויף כּפּרות[7].
אַ שטיק צײַט שפּעטער איז ער געוואָרן פֿאַרעלטערט[8] און מע האָט אָנגעהויבן צו רעדן וועגן קאָמפּיוטערס אומעטום, אי[9] אין ביוראָען אי אין דער היים. די אַלע זאָרגן וואָס שייך[10] דעם „מיניטעל“ האָב איך ניט פֿאַרגעסן. דערפֿאַר האָב איך ניט געוואָלט אַרײַנגיין אין אינטערנעץ־וועלט. איך וויל זיך אָבער אַרײַנלאָזן אין דער ייִדיש־וועלט און אַ דאַנק דעם קאָמפּיוטער קען איך האָבן די געלעגנהייט צו הערן פֿאַרשיידענע „ייִדישע וועב־צענטערס“, האָב איך יאָ געקויפֿט אַזאַ „כּלי“[11].
מיטן „מיניטעל“ האָב איך געהאַט קליינע זאָרגן. אַצינד[12], מיט מײַן קאָמפּיוטער, האָב איך געהאַקטע צרות[13] ! אָבער סוף־כּל־סוף[14] איז מיר געלונגען[15] צו הערן ייִדישע ראַדיאָ, גאָט צו דאַנקען.

1. à la retraite/retired 2. MIN sorte/sort 3. a minicomputer, introduced in 1982, as a forerunner of internet in France 4. tombé en panne/broke down 5. tapé/typed 6. retraité/retiree 7. ... KAPORES je n'avais nul besoin/had no use for 8. obsolète 9. à la fois ... et/both ... and 10. ... SHAYEKH concernant/concerning 11. KEYLE instrument 12. maintenant/now 13. ... TSORES gros ennuis/dire problems 14. SOFKLSOF finalement/at last 15. j'ai reussi/I am able.






### וויץ
### דער מענטש און דער הונט




ס'איז דאָ אַן אַלטע מעשׂה[1]
וועגן אַן אידעאַלער דאַטן־
באַזע[2] אין אַ ווײַטער צוקונפֿט.
די דאָזיקע דאַטן־באַזע אַרבעט אַ
גאַנצן מעת־לעת[3], זיבן טעג אַ וואָך, און
ווערט באַדינט[4] נאָר דורך איין מענטש און אַ
הונט. דעם מענטשנס אַרבעט באַשטייט אין[5]
געבן צו עסן דעם הונט. דעם הונטס אַרבעט
באַשטייט אין ניט לאָזן דעם מענטש זיך
צורירן[6] צום קאָמפּיוטער.

1. MAYSE histoire/story 2. base de données/data base 3. MESLES 24 heures/24 hours 4. est sous la garde de/is cared for by 5. consiste en/consists of 6. toucher/touch.

# קאָרפּוס פֿון דער מאָדערנער ייִדישער שפּראַך[1]

פֿון עוויטאַ וויעצקי



אין אַ קליינער שטאָט אין דרום[2]־דײַטשלאַנד האָט מען געהאַט אַ פּראַכטפֿולן[3] און אַמביציעזן אײַנפֿאַל : צוזאַמען מיטן מלוכישן[4] אוניווערסיטעט אין מאָסקווע גרייט אַ גרופּע לינגוויסטן, ייִדיש־לערערס און מומחים[5] אין קאָמפּיוטערײַ אַ מאָדערנעם פֿאָרש[6]־אינסטרומענט : אַ קאָרפּוס פֿון דער ייִדישער שפּראַך. אָבער וואָס איז דאָס אַזוינס ?

דער באַניץ פֿון נײַע עלעקטראָנישע טעכנאָלאָגיעס איז אין די פֿאַרגאַנגענע 30 יאָר געוואָרן אַ וויכטיקער טייל פֿון דער לינגוויסטישער פֿאָרשונג. דיגיטאַליזירטע טעקסטן, אינטערנעץ, דאַטן־באַזעס[7] און עלעקטראָנישע זוכער[8] דערמעגלעכן די סטאַטיסטישע און עמפּירישע אויספֿאָרשונג פֿון אַ שלל[9] מיט ווערטער, זאַצן אָדער אַנדערע אײנסן[10].
אַ קאָרפּוס איז, פּראָסט[11] גערעדט, אַ ריזיקע זאַמלונג דיגיטאַליזירטע טעקסטן. כּדי[12] צו קענען דורכפֿירן ערנסטע לינגוויסטישע פֿאָרשונגען מיט דער הילף פֿונעם קאָרפּוס דאַרף ער זײַן גענוג גרויס און רעפּרעזענטאַטיוו, דאָס הייסט, מיט גוט אויסגעקליבענע טעקסט־פֿראַגמענטן, זיי זאָלן אָפּשפּיגלען[13] פֿאַרשיידענע (צום בעסטן אַלע) תּקופֿות[14], מדרגות[15], זשאַנערס[16] און רעגיאָנאַלע וואַריאַנטן פֿון דעם לשון[17]. מען דאַרף אַרײַננעמען כּלערליי[18] בײַשפּילן פֿון דער געשריבענער און (אַזוי ווערט דער קאָרפּוס אַלץ בעסער) דער גערעדטער שפּראַך : ליטעראַרישע טעקסטן, זשורנאַליסטישע און וויסנשאַפֿטלעכע[19] אַרבעטן, אינסטרוקציעס, טאָג־טעגלעכע און פּריוואַטע דאָקומענטן.
אָט אַזאַ פֿאָרש־אינסטרומענט פֿון דער מאָדערנער ייִדישער שפּראַך (1850 ביז הײַנט) גרייט מען צו אין רעגנסבורג[20] און מאָסקווע. מען וויל שאַפֿן אַ קאָרפּוס פֿון צען מיליאָן וואָרטפֿאָרמען (דער קאָרפּוס פֿון דער ענגלישער שפּראַך פֿאַרמאָגט 100 און פֿון דער רוסישער – 150 מיליאָן וואָרטפֿאָרמען).
ווי קען מען אַרבעטן מיט דעם קאָרפּוס ? געפֿינען געפֿינט ער זיך אויף אינטערנעץ. מען קען אַרײַנקלאַפּן[21] אַ וואָרט אָדער מיט העברעיִשע אָדער מיט לאַטײַנישע אותיות[22] לויט דער ייִוואָ־טראַנסליטעראַציע.
ס׳באַווײַזט זיך אַ רשימה[23] זאַצן, וואָס אין זיי קומט פֿאָר דאָס געזוכטע וואָרט. צו דעם זאַץ, וואָס איז דערשינען ווי דער רעזולטאַט, קען מען בעטן נאָך ווײַטערדיקע זאַצן פֿונעם זעלבן טעקסט־פֿראַגמענט, מען זאָל קענען בעסער פֿאַרשטיין דעם קאָנטעקסט.
איטלעך[24] וואָרט אינעם קאָרפּוס באַקומט אַ גראַמאַטישע באַשרײַבונג און אַן איבערזעצונג אויף ענגליש. ווען מע פֿאָרט מיטן מײַזל[25] איבערן וואָרט דערזעט מען אָט־די אינפֿאָרמאַציעס, למשל[26], צי דאָס איז אַ סובסטאַנטיוו, פֿון וואָסער גרונדפֿאָרמע עס שטאַמט אָפּ דאָס פֿלעקסירטע וואָרט א״אַוו[27]. מען קען דורכזוכן דעם קאָרפּוס אויך לויט גראַמאַטישע קאַטעגאָריעס. די רעזולטאַטן קען מען אויפֿהיטן[28], אָפּדרוקן[29] אָדער שיקן מיט אַ בליצבריוו[30].
קלאָר, אַז מען קען זיך באַניצן מיט דעם קאָרפּוס ניט נאָר ווי אַ לינגוויסט. אויך פֿאַר דעם לערער און סטודענט איז אַ קאָרפּוס זייער אַ ניצלעכע זאַך. אויב מע דאַרף אויף דער קומענדיקער לעקציע בײַשפּילן פֿון זאַצן מיט דער פּרעפּאָזיציע „בעת[31]“, נעמט מען דעם קאָמפּיוטער, מען עפֿנט דעם קאָרפּוס, מען קלאַפּט אַרײַן „בעת“ אָדער אַן אַנדער פּרעפּאָזיציע און שוין !
אָבער דאָס אַלץ - אָדער כּמעט[32] אַלץ – זענען נאָך חלומות[33]. מען דאַרף נאָך אַרײַנלייגן אַ סך אַרבעט און געלט אין דעם פּראָיעקט. ביז

[סוף זײַט 5]



1. Corpus of Modern Yiddish (CMY) 2. DOREM du sud/southern 3. splendide/splendid 4 MELUKhIShN d'État/state 5. MUMKhIM experts 6. de recherche/research 7. bases de données/data-bases 8. moteurs de recherche/search engines 9. ShLAL énormément de/a great many 10. unités/units 11. tout simplement/to put it simply 12. KEDE'Y afin de/in order to 13. refléter/reflect 14. TKUFES époques/periods 15. MADREYGES niveaux/levels 16. genres 17. LOShN langue/language 18. KO'LERLEY toutes sortes/all types 19. scientifiques/scientific 20. Ratisbonne/Regensburg 21. rentrer/enter 22. OYSYES caractères/characters 23. RESHIME liste/list 24. chaque/each 25. souris/mouse 26. LEMOShL par exemple/for example 27. און אַזוי ווײַטער etc. 28. sauvegarder/save 29. imprimer/print 30. e-mail 31. BEYS pendant/during 32. KIMA'T presque/nearly

אַ ישׂראלדיקע רעזשיסאָרשע[1], נורית אַבֿיבֿ[2], האָט שוין געמאַכט דרײַ פֿילמען וועגן שפּראַך און איבערזעצונג : „פֿון איין שפּראַך צו דער צווייטער“[3] (2004), „לשון־קודש – לשון חול“[4] (2008), „איבערזעצן“[5] (2011). דעם לעצטן פֿילם קען מען נאָך אַלץ זען אין פֿראַנצייזישע קינאָס, און אַלע דרײַ קען מען קויפֿן אויף אַ קאָמפּאַקטל[6].

# נורית אַבֿיבֿ און די לאַנדשאַפֿטן[7]

## פֿון העלען חדש[8]

די דרײַ פֿילמען פֿון נורית אַבֿיבֿ פֿאַרנעמען זיך מיט שפּראַכן, מיט ווערטער. אָבער אויך די לאַנדשאַפֿטן שפּילן דאָ אַ געוויסע ראָלע. מען באַגעגנט מענטשן וואָס דערציילן וועגן זייערע איבערלעבונגען מיט שפּראַכן – ווי אַזוי זיי האָבן זיך געלערנט, אָדער פֿאַרגעסן, אָדער אַפֿילו[9] געמוזט דערשטיקן[10] אין זיך אַ שפּראַך, די שפּראַך פֿון די טאַטע־מאַמע און פֿון די קינדער־יאָרן. זיי רעדן אויך וועגן די פּראָבלעמען פֿון איבערזעצן פֿון איין שפּראַך אויף אַן אַנדערער. אין צווישן וואַנדערט[11] די פֿילמירקע[12] איבער דעם אַרום פֿון דער וווינונג אָדער זי פֿאַרזאַמט זיך און קוקט אַרויס דורכן פֿענצטער. מען זעט אַ שטאָט, אַ גאָרטן, פֿעלדער. פֿאַר נורית אַבֿיבֿ איז די לאַנדשאַפֿט אַ פּנים[13] זייער וויכטיק, זי איז ניט בלויז אַ דעקאָראַציע. אָבער וואָס באַטײַט דאָ די לאַנדשאַפֿט, וואָס איז זי שייך[14] צו דער טעמע פֿון שפּראַך ?

„יעדער עמיגראַנט טראָגט אין זיך צוויי שפּראַכן, צוויי לאַנדשאַפֿטן, אַ טאָפּעלע[15] וועלט“, זאָגט אַהרן אַפּלפֿעלד[16] אינעם פֿילם „פֿון איין שפּראַך צו דער צווייטער“. אָפֿט דאַכט זיך אַז די לאַנדשאַפֿט האָט אַ טאָפּעלן באַטײַט. אין אָנהייב פֿונעם עפּיזאָד מיט אַפּלפֿעלדן שוועבט די פֿילמירקע איבער אַ גרינער לאַנדשאַפֿט, מיט אַ טײַך און ביימער. מען וואָלט געקענט גלייבן אַז מען איז ניט אין ישׂראל, נאָר ערגעץ אין מיזרח[17]־אייראָפּע : אייגנטלעך האָט מיר די לאַנדשאַפֿט דערמאָנט די געגנט אַרום טשערנאָוויץ, דעם דניעסטער, אָדער דעם פּרוט, די טײַכן פֿון צפֿון[18]־בוקאָווינע. אָבער די לאַנדשאַפֿט געפֿינט זיך פֿאַקטיש לעבן אַפּלפֿעלדס הויז. מיט דעם בילד אין קאָפּ הערט מען ווי אַפּלפֿעלד דערציילט ווי אַזוי ער האָט געדאַרפֿט פֿאַרגעסן זײַן מאַמע־לשון[19], דײַטש, כּדי[20] צו קענען זיך לערנען העברעיִש, און ווי ער האָט זיך – פֿיל שפּעטער – געלערנט ייִדיש, ווײַל די שפּראַך באַטײַט פֿאַר אים ייִדישקייט.

[סוף זײַט 5]









1. YISRO'ELDIKE... cinéaste israélienne. Israeli filmmaker 2. Nurith Aviv 3. D'une langue à l'autre/From Language to Language 4. LOSHN KOYDESH - LOSHN KHOYL Langue sacrée - langue parlée/Sacred Language - Spoken Language 5. Traduire/Translating 6. DVD 7. paysages/landscapes 8. KHODOSH Hélène Khodoss 9. AFILE même/even 10. étouffer/strangle 11. s'attarde/lingers 12. caméra/movie camera 13. A PONEM apparemment/apparently 14. ... SHAYEKH quel est le rapport/what is the relation 15. double 16. ARN Appelfeld 17. MIZREKH de l'Est/Eastern 18. TSOFN du nord/Northern 19. ...-LOSHN langue maternelle/mother tongue 20. KEDE'Y afin de/in order

[סוף פֿון זײַט 6]

אַהער האָט מען אויף אינטערנעץ אַרײַנגעשטעלט אַ פּראָטאָטיפּ מיט דרײַ מיליאָן ווערטער, וואָס מיט אים קען מען זיך אַ ביסל שפּילן, נעמען אים אויף פּראָבע, אָבער קיין ערנסטע פֿאָרשונג איז נאָך ניט מעגלעך, ווײַל מען האָט פֿאַרן פּראָטאָטיפּ אַרײַנגענומען נאָר טעקסטן פֿונעם דיגיטאַליזירטן *פֿאָרווערטס*־אַרכיוו פֿון די פֿאַרגאַנגענע פֿינף יאָר. די דאָזיקע ערשטע פֿאַזע איז וויכטיק כּדי אויסצופּרוּוון, צי עס זענען דאָ אַלע נויטיקע פֿונקציעס, צו געפֿינען טעותן[34] אינעם ווייכוואַרג[35] און זיי צו פֿאַרריכטן[36]. ערשט בהדרגה[37] וועט מען צוגעבן טעקסטן לויט דעם פּלאַנירטן, רעפּרעזענטאַטיוון אויסקלײַב.

אויב עמעצער פֿון די לייענער וויל כאַפּן אַ קוק און אפֿשר[38] אַפֿילו[39] אויספּרוּוון דעם רעגענסבורגער קאָרפּוס, קען ער שיקן אַ בליצבריוו צו :

sandra.birzer@sprachlit.uni-regensburg.de
evita.wiecki@lrz.uni-muenchen.de

33. KHALOYMES rêves/dreams 34. TO'ESN erreurs/errors 35. logiciel/software 36. corriger/correct 37. BEHADROGE peu à peu/gradually 38. EFSHER peut-être/perhaps 39. AFILE même/even.



[סוף פֿון זײַט 7]

נורית אַבֿיבֿ דערקלערט אַז אין איר נײַסטן פֿילם „איבערזעצן“ האָט זי זיך אַליין באַשטימט אַ כּלל[21], אַז זי טאָר ניט פֿילמירן די לאַנדשאַפֿט פֿון דרויסן, נאָר בלויז דאָס וואָס מען זעט דורכן פֿענצטער פֿונעם צימער ווו דער שמועס קומט פֿאָר. זי האָט ניט געוואָלט אויסקלײַבן דאָס וואָס מען וועט זען, נאָר געוואָלט מע זאָל זען נאָר דאָס וואָס די פּערזאָן גופֿא[22] זעט בײַם אַרבעטן ; אַזוי ווערן די בנינים[23] פֿון מאָדערנע שטעט אָדער הינטערשטעט[24], מיט זייערע טורעמס און זייער תּוהו־ובֿוהו[25] פֿון בעטאָן און שטאָל[26], ווי בילדער פֿון הײַנטיקע בבֿל־טורעמס[27], ווו מען טראַכט און שמועסט אָן אַ סוף[28] וועגן דער פֿילפֿאַכיקייט[29] פֿון די שפּראַכן.

נאָר עס טרעפֿן זיך אַ מאָל סורפּריזן. פֿאַרן פֿילם „איבערזעצן“ האָט נורית אַבֿיבֿ באַשלאָסן אַז דער ערשטער שמועס זאָל זײַן מיט אַ מענטש וואָס האָט איבערגעזעצט מדרשים[30]. און פֿריִער זאָל זײַן אַ פּראָלאָג מיט אַן „אָף“־קול[31] וואָס דערציילט די געשיכטע פֿונעם תּרגום־השבֿעים[32] : ווי אַזוי די זיבעציק איבערזעצערס האָבן איבערגעזעצט די תּורה[33] אויף גריכיש אויפֿן אינדזל פֿאַראָס. מיט וואָס פֿאַר אַ בילד וועט דאָס דערציילט ווערן האָט זי פֿריִער נישט געוווּסט. זי איז געפֿאָרן קיין ברעסט, ווו דער איבערזעצער פֿון מדרשים וווינט. אין זײַן אַרבעט־צימער קוקט אַ פֿענצטער אַרויס אויפֿן ים[34], אויף דער ברעסטער בוכטע[35], און אין מיטן בוכטע דערזעט מען אַ קליינעם אינדזל : זי האָט געפֿונען דאָס בילד פֿאַרן פּראָלאָג. דאָס פּרעכטיקע[36] און עפּעס מיסטעריעזע בילד פֿונעם אינדזל אין אָנהייב פֿון פֿילם איז ווי אַ וויזיע פֿונעם אינדזל פֿאַראָס, כאָטש[37] דער אינדזל געפֿינט זיך טאַקע אין ברעטאַניע. מיט דעם גליקלעכן צופֿאַל קריגט די לאַנדשאַפֿט אַ גאַנץ באַזונדערן באַטײַט : זי פֿאַרבינדט די אַלטע איבערזעצונג פֿון תּנך[38] (אויף גריכיש) מיט דער הײַנטיקער איבערזעצונג פֿון מדרשים (אויף פֿראַנצייזיש).




to 21. KLAL règle/rule 22. GUFE elle-même/himself 23. BINYONIM immeubles/buildings 24. banlieues/suburbs 25. TOYEVOYE chaos 26. béton et acier/concrete and steel 27. … BOVL tours de Babel/Towers of Babel 28. … SOF sans fin/endlessly 29. diversité/multiple facets 30. MEDROSHIM Midrash 31. KOL voix-off/voice-off 32. TARGUM-HASHIVIM Septante/Septuagint 33. TOYRE Torah 34. YAM mer/sea 35. baie de Brest/Brest Bay 36. splendide/splendid 37. bien que/although 38. TANAKH Bible juive/Jewish Bible.

דער ייִדישער
# טעם־טעם
אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

דער ייִדישער *טעם־טעם* איז אַ פּובליקאַציע פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט יצחק, מאַרי, נאַטאַליאַ, עוולין, רובי.

YIDISHER TAMTAM
Maison de la culture yiddish
Bibliothèque Medem
29 rue du Château-d'Eau
75010 Paris
Tél. : 01 47 00 14 00
Fax : 01 47 00 14 47
tamtam@yiddishweb.com
מע קען אויך לייענען דעם *ייִדישן טעם־טעם*
אויפֿן אינטערנעץ : www.yiddishweb.com
Prix : 2,50 euros פּרײַז : 2,50 אייראָס